מאָסקווע, דעם 18טן מאַי

ליבער דוד,

איך ווייס ניט, אויב דו האָסט באַקומען מײַן בריוו מיט אַ בריוו אין COMMENTARY - און ענטפער אויף דײַן אַרטיקל. אויב יאָ, טאָ וואָס איז דײַן מיינונג, אויב ניט - איז ניט.

איך האָב פּלוצעם געקראָגן אַ נײַע דירה, אַפילו צוויי - איינע לעבן אַנדערס. דאָס איז אַ מין פּאָרסטאַט, ווײַט פונעם צענטער, אָבער לופט איז בעסער.

איך האָב סוף-כל-סוף באַקומען PROOFTEXTS - נומער, געווידמעט ש.י. עגנונען - ער איז געגאַנגען במשך עטלעכע חדשים. איך האָף, אַז די איבעריקע ביכער דײַנע וועל איך אויך באַקומען, אויב איך'ל נאָך זײַן דאָ.

דערווײַל לעבן מיר ווי פריִער, כאָטש ס'זײַנען דאָ סימנים, אַז די לאַגע וועט זיך ענדערן, אַלץ איז זייער געשפּאַנט.

איך בין געווען ניט לאַנג צוריק אין וואַרשע - דאָרטן איז גאַנץ נישקשה צו לעבן פאַר דעם, וואָס האָט דאָלאַרן, מע קען קויפן אַלצדינג, כמעט ווי אין אַמעריקע. דו קענסט פאָרן אַהין און לעבן גאַנץ גוט.

באָריס קימעלפעלד דערמאָנט זיך וועגן אײַך אָפט. און מע וויל אין קיעוו, אַז עמעצער פון אַמעריקע זאָל נאָך אַמאָל קומען און לערנען צו אוביסל.

אגב, ער האָט געקויפט פאַר דיר דאָס בוך וועגן שלום-עליכם, און איך וועל דאָס איבערשיקן, ווען ער וועט דאָס מיר איבערגעבן.

זײַ מיר געזונט, און איך האָף, אַז מיר'ן זיך באַלד זען,

דײַן מישע

מײַן נײַער אַדרעס: 119634 MOCKBA, БОРОВСКОЕ ШОССЕ 58 КОР. 1 КВ.385